# אַגדות הקאָנסערוואַטיוון

## פֿאַרצייכנט פֿון באַב ראָזנטאַל

### 30 יוני, 9 און 12 יולי, 2002

## ייִדיש: רעדאַקציע

אַבֿרהם און איך זײַנען אין שולבאַלקאָן. דער ליובאַוויטשער רבי ליגט אויף זײַן טויטן בעט עטלעכע בלאָקן אויף צפֿון, אין בית-ישׂראל-שפּיטאָל. אונדזער ראַבײַ האַלט אַ דרשה. מיר שושקענען זיך אַז ער איגנאָרירט דעם רבין. שפּעטער אַ ביסל צעבליצלען זיך אויף אַ ווילדן אופֿן די שולליכט. טוען מיר זיך אַ קער איינער צום אַנדערן: "דער רבי!"

* * *

מיט בנימינען האָב איך זיך באַקענט אין פּסיכיאַטריע-אָפּטייל פֿון בית-ישׂראל. ער לײַדט אויף שרעקלעכע דעפּרעסיעס. אים איז איצט שוין בעסער, און ער וווינט שוין ווידער אין זײַן געגנט אין באָראָ-פּאַרק. איך בין אים מבֿקר-חולה אין זײַן "אוהל"-דירה. איך וואַש זיך די הענט און גיי אַרײַן צו אים אין קיך. בנימין דערלאַנגט טיי. זײַן מיטוווינער איז אויך דאָ. מיר שטעלן זיך פֿאָר און גיבן זיך די הענט. ער זאָגט עפּעס וועגן מיקראָבן. איך זאָג אים אַז כ'האָב זיך ערשט געוואַשן די הענט. "ניין", מאַכט ער, "איך האָב נאָר וואָס אָנגערירט ניט געוואַשן אויפֿס איידער כ'האָב אײַך געגעבן די הענט!" "ס'איז אָקיי. איך קיין אײַך פֿאַרזיכערן אַז ס'זײַנען ניטאָ בײַ מיר קיין ניט געווונטשענע מיקראָבן אויף די הענט. כ'בעט אײַך, זאָרגט זיך ניט." ער ווענט זיך צו בנימינען און זאָגט: "אָ, ס'איז גוט אין אַ נאָוועגע צו האָבן בײַ אונדז אַ מענשט מיט שׂכל!"

* * *

איך זע פֿון דאַונטאַון-ברוקלין ווי עס פֿאַלט אײַן דער דרום-טורעם פֿון וועלט-האַנדל-צענטער. סאַראַ שרעקלעכער טאָג. איך האָב מורא אויף צו מאָרגנס אַרויסצוקוקן פֿון פֿענצטער בײַ מיר אין קיך, טאָמער איז קאַמפּאָס-פּלאַזאַ ניטאָ . אין שול האָב איך זיך ניט געקענט ברענגען אָנצוקוקן דעם ספֿר-תּורה במשך פֿון הגבה. די מגילות זײַנען צווילינג-טורעמס.

* * *

איך בין בײַ אַבֿרהמען פֿרײַטיק צו נאַכטס. נאָך חבֿרים פֿון שול זײַנען דאָ. אַבֿרהם דערלאַנגט קעטשופּ. איך כאַפּ זיך אַרויס מיט אַ זאָג: "אַ חידוש — איך האָב ניט געוווסט, אַז קעטשופּ איז כּשר!" עבי שושקעט צו מיר פֿון דער צווייטער זײַט טיש: "ס'איז ניט. ס'איז ניט." אַבֿרהם גייט צו צום טיש און דערקלערט, אַז אין מצרים, האָט די מאַמע דערלאַנגט דאָס עסן, איז עס במילא געווען כּשר צוליב דעם, וואָס דאָס האָט זי עס דערלאַנגט. גוט בײַ מיר. איך עס.

איך באַמערק אַז עבי מײַדט אויס דאָס מאכל.

* * *

סוזען איז ייִנגער פֿון מיר מיט אַ יאָר צוויי. איך קען זי שוין מײַן גאַנץ לעבן. אויפֿגעוואַקסן "מחוץ התּחום-המושבֿ", האָב איך געמיינט אַז איר משפּחה איז גאַנץ פֿרום. זיי זײַנען געווען רעפֿאָרם-ייִדן; זי האָט מיך דעם ערשטן אויסגעקליבן פֿאַרן "סנאָבאַל"-טענצל אויף איר בת-מצווה-שׂמחה. דערוואַקסענערהייט זײַנען זי מיט איר מאַן געוואָרן גאָר פֿרום. פֿאַר אַ יאָרן איז איר ברודערס אַ זון געוואָרן בר-מצווה. בשעת סוזען מיט מיר זײַנען געגאַנגען צו פֿוס פֿרײַטיק צו נאַכטס אין גראַנדיעזן דזשאָרדזשטאַון-טעמפּל אויף קבלת-שבת, האָב איך זיך צעלאַכט, "סוזען, מיט צען יאָר צוריק וואָלט איך מורא געהאַט אַרײַנצוגיין אין אַן אָרטאָדאָקסישער שול, נאָר הײַנט ביז איך נערוועז אַרײַנצוגיין אין אַ רעפֿאָרם-טעמפּל". זי האָט זיך אויך צעלאַכט, כאָטש נערוועז איז זי בכלל ניט געווען.

* * *

בילי און איך טראַכטן אויס די ״שבת-פּאָליציי״. אַהיימגייענדיק צו פֿוס שבת בײַ טאָג, דערבליקן מיר ווי אַ׳ רופֿט אַ טאַקסי. זי קוקט אויף אונדז פֿאַרשעמט. ״איך דאַרף דאָך זען ווי מײַן קינד טרעט אַרויס אויף דער בינע!״ מיר צעשמייכלען זיך ווײַל בסוד פֿאַרשטייען מיר דאָס אַליין גאַנץ גוט. בילי טראָגט זיך אַרום מיט אַ טעפּל קאַווע וואָס ער האָט זיך נאָר וואָס אײַנגעהאַנדלט. מיר זעען ווי ד׳ נעמט אָפּ איר וועש. מיר דערבליקן אי׳ן ווי ער שפּאַנט אַרום מיט אַן אָנגעצונדענעם ציגאַרעט. דאָס געשעפֿט איז גוט! ס׳איז גרינג צו זײַן אַ שבת-פּאָליציאַנט. ס׳איז אָבער שווער צו געדענקען אַלץ אָן צו פֿאַרשרײַבן. פֿאַרגעסן מיר אין דעם.

* * *

בנימין גיט מיר אַ טור פֿון באָראָ-פּאַרק. איך טרעף זיך מיט עטלעכע באַליבסטע מענטשן זײַנע. אַ שוסטער איז דער ערשטער אָפּשטעל. זײַן שטעלכל איז געפּאַקט נאָר ער הערט אַלץ אויף און איגנאָרירט די וואַרטנדיקע קונים כּדי מיר צו געבן שלום. בנימין ווײַזט מיר דעם אָרעמען קינדער-ביבליאָטעק אין קעלער אָפּגערוקט פֿון דער גאַס. די ביכער זײַנען אָפּגעריסן און אָפּגעשליסן, אַלע וועגן די פֿרומע אָבֿות און ייִדן ספּאָרט-גיבורים. מיר פֿאַרקערעווען זיך מיט אַ געסל הינטער אַ ראַמהויז און גייען אַראָפּ אונטן אין געשעפֿט פֿון יצחק דעם סופֿר. ער איז אַ קליינוווקסיקער נאָר דאָס פּנים איז אים צעשטראַלט. ער ווײַזט אונדז אַ קליין של-יד-ביתל, ניט גרעסער ווי דער שפּיץ מיזיניקל, ״מע זאָל עס באַהאַלטן בײַ זיך אין דער האַנט טאָמער דאַרף מען אַריבערגיין אַ הויף צו ניצן די לאַטרינע״. מיר האָבן געזען אַ גרויסן של-ראָש-בית, אַזוי גרויס ווי אַ בייסבאָל. איך האַלט בײַם געזעגענען זיך מיט אים און ער גיט בײַ מיר אַ פֿרעג, ״וואָס איז די גרעסטע מעלה פֿון לייגן תּפֿילין?״ איך האָב אייגענע מיינונגען נאָר איך בין ניט זיכער בײַ זיך, צוליב העפֿלעכקייט מאַך איך ווי איך קראַץ זיך אין פּאַטילניצע ווידער איך גיב אַ קוועטש מיט די פּלייצעס. די אויגן בײַ יצחקן ברענען ווי קוילן: ״עס שאַפֿט אונדז דרך-ארץ בײַ די גויים!״